

# Changing in order to Change

## פרשת וישב
## Parshas Vayeishev

# פרשת וישב

ה. אין פ׳ וישב דערציילט די תו־רה וועגן יוסף הצדיק, אַז ער איז געווען יפה תואר ויפה מראה, און האָט מסלסל געווען בשערו [17]), ומצד דעם איז ותשא אשת אדוניו גו׳, און מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תפי־סה, און אויך זייענדיק דאָרטן, איז — אשר הוא עושה ה׳ מצליח.

אין דעם סיפור זיינען פאַראַן צוויי טיילן: א) בנוגע יוסף׳ן, אַז ער איז געווען יפה תואר ויפה מראה, און ב) בנוגע אשת פוטיפר. ביידע טיילן זיינען, אַזוי ווי אַלע ענינים פון תו־רה, אייביקע אָנווייזונגען פאַר אונזער פירונג אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

ו. אויף יוסף׳ן שטייט: יוסף הוי׳ לי בן אחר. טייטשט כ״ק אדמו״ר הצ״צ [18]), אַז יוסף׳ס עבודה איז באַ־שטאַנען צו מאַכן אַן „אחר" (אַ פרעמדן) פאַר אַ „בן". דאָס הייסט מאַכן בעלי תשובה.

דעם כוח אויף דעם האָט יוסף געהאַט, ווייל ער אַליין איז געווען יפה תואר ויפה מראה, יוסף אַליין איז געווען שיין אין אַלע ענינים, סיי אין מצות עשה סיי אין מצות לא תעשה (ווי עס ווערט דערקלערט אין פילע ערטער [19]) אַז תואר איז דער ענין פון מצוות עשה און מראה — מצוות לא תעשה), דערפאַר האָט ער געקענט פועל׳ן אויך אויף אַנ־דערע, מאַכן פון „אַחר" — „בן". און דאָס איז אַ הוראה צו יעדער איינעם, וואָס ביי יעדער איינעם מאָנט מען דאָך, ער זאָל טאָן ניט נאָר מיט זיך נאָר אויך מיט יענעם, איז בכדי צו אויפטאָן מיט יענעם, דאַרף מען געדענקען דעם כלל, קשוט עצ־מך ואחר כך קשוט אחרים [20]). מען דאַרף אַליין זיין „יפה תואר ויפה מראה", וועט מען קענען פועל׳ן אויך אויפן צווייטן.

מען מיינט ניט צו זאָגן, אַז מען זאָל וואַרטן מיט פאַרנעמען זיך מיט אַ צווייטן אידן ביז מען וועט צו־קומען אַליין צו תכלית השלימות — דאָס איז זיכער ניט אַזוי. ניט קוקנ־דיק אויף דעם אייגענעם מצב מוז מען טאָן אויך מיט יענעם, און מען טאָר ניט אָפּלייגן.

אָבער פון דער צווייטער זייט דאַרף מען געדענקען אַז מען מוז טאָן מיט זיך, פאַרריכטן די אייגענע חסרונות, און דאָס — דער פאַרריכטן די איי־גענע חסרונות — איז נוגע ניט נאָר צו זיך אַליין נאָר אויך צו יענעם.

ווארום בשעת מען האָט אַליין חס־רונות, וואָס מען טוט ניט אין פאַר־ריכטן זיי, פילט דאָס דער צוויי־טער, און במילא קען מען ניט אויפ־טאָן אין דעם צווייטן, דאָס וואָס מען דאַרף אין אים אויפטאָן.

דאַרף מען וויסן די גרויסע אח־ריות וואָס מען האָט בנוגע צו פאַר־ריכטן די אייגענע חסרונות, ווארום אויב מען טוט ניט אין דעם, שאַ־דענט מען ניט נאָר זיך אַליין נאָר אויך אַנדערע.

17) רש״י עה״ת בראשית לט, ו. זח״א קפט, ב.

18) אור התורה רכ, א.

19) זע ד״ה ויהי אומן תרכ״ז.

20) ב״מ קז, ב.

טייטשן ON THE NEXT PAGE

# CLASSICAL CONCEPTS

1. Parshas Vayeishev tells the story of Yosef in the home of Potifar. The Torah tells us that Yosef was a very beautiful person and would even tend to his appearance & style his hair. For this reason, Potifar's wife desired to do an Aveirah with him and after he successfully escaped her, she had him thrown into jail, claiming that he had tried to do an Aveira with her. The Parsha continues by telling us that even while he was sitting in jail, Hashem made Yosef successful in everything he did. There are two factors that this story is comprised of; firstly, the fact that Yosef was beautiful and secondly , the desire Potifar's wife had to be with Yosef. Each of these aspects, like every part of Torah, contains a valuable lesson that can be applied to our daily life.

2. Regarding Yosef's name it is written - "יוסף ה׳ לי בן אחר" -"Hashem should add to me another son". This was Rochel's plea to Hashem that she should be blessed with



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Had | געהאט |
| Because he himself | ווייל ער אליין |
| Beautiful in all areas | שיין אין אלע ענינים |
| Both | סיי |
| Is clarified/ explained | ווערט דערקלערט |
| Many places | פילע ערטער |
| Therefore | דערפאר |
| Was able to affect | געקענט פועל'ן |
| Other | אנדערע |
| It is demanded | מאנט מען דאך |
| Not only with himself | ניט נאר מיט זיך |
| Also with another person | אויך מיט יענעם |
| One must remember | דארף מען געדענקען |
| Correct yourself and afterward correct others | קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים |
| Doesn't mean to say | מיינט ניט צו זאגן |
| One should wait | מען זאל ווארטן |
| Involve himself | פארנעמען זיך |
| Until | ביז |
| Reach | צוקומען |
| Surely not so | זיכער ניט אזוי |
| Notwithstanding | ניט קוקנדיק |
| Own | אייגענעם |
| Must | מוז |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Tells over | דערציילט |
| Regarding/about | וועגן |
| Handsome features and beautiful complexion | יפה תואר ויפה מראה |
| Curled/refined his hair | מסלסל געווען בשערו |
| And the wife of his master cast her eyes (on Yosef) | ותשא אשת אדוניו גו׳ |
| Sat him in jail | איז אריינגעזעצט אין תפיסה |
| Also being there | אויך זייענדיק דארטן |
| That which he did, Hashem made successful | אשר הוא עושה ה׳ מצליח |
| There are | זיינען פאראן |
| Two parts | צוויי טיילן |
| Both | ביידע |
| Just like all | אזוי ווי אלע |
| Everlasting lessons | אייביקע אנווייזונגען |
| Our behavior | אונזער פירונג |
| Daily life | טאג-טעגלעכן לעבן |
| Hashem should add to me another son | יוסף ה׳ לי בן אחר |
| The Tzemach Tzedek | כ״ק אדמו״ר הצ״צ |
| Consisted | באשטאנען |
| Foreign | פרעמדן |
| This means | דאס הייסט |

מען טאָן אויך מיט יענעם, און מען טאָר ניט אָפּלייגן.

אָבער פון דער צווייטער זייט דאַרף מען געדענקן אַז מען מוז טאָן מיט זיך, פאַרריכטן די אייגענע חסרונות, און דאָס — דער פאַרריכטן די אייגענע חסרונות — איז נוגע ניט נאָר צו זיך אַליין נאָר אויך צו יענעם.

וואָרום בשעת מען האָט אַליין חסרונות, וואָס מען טוט ניט אין פאַרריכטן זיי, פּילט דאָס דער צווייטער, און במילא קען מען ניט אויפטאָן אין דעם צווייטן, דאָס וואָס מען דאַרף אין אים אויפטאָן.

דאַרף מען וויסן די גרויסע אחריות וואָס מען האָט בנוגע צו פאַרריכטן די אייגענע חסרונות, וואָרום אויב מען טוט ניט אין דעם, שאַדענט מען ניט נאָר זיך אַליין נאָר אויך אַנדערע.

מען דאַרף לייגן גאָר גרויס השתדלות אויף צו זיין אַליין יפה תואר ויפה מראה, וואָרום דאָס האַנדלט זיך ניט וועגן אַ יחיד נאָר וועגן אַ רבים.

ז. די הוראה פון דער מעשה מיט אשת פּוטיפר איז:

רז״ל דערציילן אונז[21], אַז אשת פּוטיפר לשם שמים נתכוונה. זי האָט געזען אַז פון איר וועלן אַרויסקומען קינדער צו יוסף׳ן, נאָר זי האָט אַ טעות געהאַט; דאָס איז געווען ניט פון איר נאָר פון איר טאָכטער.

זעט מען דערפון, אַז עס קען זיין אַן ענין וואָס אין חיצוניות און בפועל איז דאָס אינגאַנצן אַ היפך פון קדושה, אָבער אין פּנימיות איז זיין כוונה גאָר לשם שמים, אויף מוסיף זיין און אויפטאָן אין קדושה.

דער אַלטער רבי רעדט אין תניא[22], אַז בשעת אַ איד שטייט און דאַוונט און בשעת מעשה קומט צו אים אַ גוי און ער איז אים מבלבל, דאַרף דאָס אין אים פּועל׳ן, אַז ניט נאָר דאָס זאָל אים ניט אָפּשוואַכן, נאָר אדרבה, דאָס גופא זאָל אין אים מעורר זיין מער חיזוק, אַז ער זאָל דאַוונען מיט מער כוונה פון טיפעניש פון האַרצן.

אין פלוג, איז דאָך ניט פאַרשטאַנדיק, אויב די כוונה אין דעם איז מעורר צו זיין דעם אידן ער זאָל דאַוונען מיט מער כוונה, היינט פאַרוואָס קומט עס עפּעס אין אַזאַ אופן וואָס אַ גוי זאָל אים שטערן פון דאַוונען, וואָס דאָס איז דאָך אַ פאַרקערטער ענין?

נאָר דער פּשט איז, אַז דער גוי אַליין אין זיין פּנימיות און שרש (וואָס דער שרש פון יעדער זאַך איז דאָך אין קדושה) ווייס און פּילט אַז ער דאַרף עפּעס מוסיף זיין אין קדושה, נאָר אַזוי ווי דאָס גייט דורך דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ גוי דאָ למטה, וואָס ער איז דאָך היפך הקדושה, דערפאַר דריקט זיך דאָס אויס אין אַ פאַרקערטן אופן. אָבער די כוונה פּנימית איז אויף צו העלפן און מוסיף זיין אין קדושה.

אַזוי ווי דער מעזריטשער מגיד נ״ע

---

21) זע רש״י בראשית לט, א.

22) אגה״ק סכ״ה.

זיין און אויפטאָן אין קדושה.

# CLASSICAL CONCEPTS

yet another child. The Tzemach Tzedek offers a Chassidic interpretation of this Possuk and explains it to be referring to the Avoda of turning an אחר someone who is removed and distant into a בן - a son i.e. the Avoda of bringing people closer to Hashem. This was the Avoda of Yosef.

3. The reason that Yosef was able to transform people who were in the category of "אחר" into a "בן", is because he himself was beautiful in all spiritual areas. Chassidus explains that when the Torah tells us of Yosef's physical beauty, it is also an allusion to his spiritual refinement. Being that Yosef himself was at a place of spiritual perfection, he was therefore able to influence others to strive towards greater spiritual heights. There is an obligation for every person to not only worry about himself, but rather to try to influence others as well- this is a very important lesson to be aware of. In order to successfully encourage others to come closer to Hashem, the 'influencer' himself must be "beautiful" just like Yosef i.e. spiritually refined.

4. This does not mean to say that a person should wait to reach spiritual perfection before attempting to influence others. Regardless of where a person is holding,





# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Must not put aside | טאר ניט אפלייגן |
| From the second side | פון דער צווייטער זייט |
| Work on himself | טאן מיט זיך |
| Correct | פאררעכטן |
| Matters | איז נוגע |
| To the other person | צו יענעם |
| Because | ווארום |
| Feels | פילט |
| That which needs | וואס מען דארף |
| Must know | דארף מען וויסן |
| The great responsibility | די גרויסע אחריות |
| If | אויב |
| Don't act/do | טוט ניט |
| Harms | שאדנט מען |
| Place | לייגן |
| Very great effort | גאר גרויסע השתדלות |
| This deals with | דאס האנדלט זיך |
| Us | אונז |
| She saw | זי האט געזען |
| From her | פון איר |
| Will come out | וועלן ארויסקומען |
| Had a mistake | א טעות געהאט |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| From her daughter | פון איר טאכטער |
| We see from here | זעט מען דערפון |
| Speaks | רעדט |
| Stands | שטייט |
| At that moment | בשעת מעשה |
| Comes to him | קומט צו אים |
| Disturbs him | איז אים מבלבל |
| Not weaken | ניט אפשוואכן |
| Should arouse more strength | מעורר זיין מער חיזוק |
| Depth of the heart | טיפענישׁ פון הארצן |
| Seemingly | אין פלוג |
| Not understood | ניט פארשטאנדיק |
| In such a manner | אין אזא אופן |
| Disturb | שטערן |
| Opposite | פארקערטער |
| Knows and feels | ווייס און פילט |
| He must add something | ער דארף עפעס מוסיף זיין |
| Goes through | גייט דורך |
| Mediation | פארמיטלונג |
| Expresses itself | דריקט זיך דאס אויס |
| Help | העלפן |

זאָגט, אַז דער גאַנצער ענין, וואָס לבן איז נאָכגעלאָפן נאָך יעקב׳ן איז געווען, ווייל עס האָבן געדאַרפט צוקומען נאָך אותיות אין תורה, דערפאַר איז לבן נאָכגעלאָפן נאָך יעקב׳ן, וואָס דער סיפור איז אַריינגעשריבן געוואָרן אין תורה, און דורך דעם איז צוגעקומען אַ פרשה אין תורה.

און דאָס איז אַ הוראה בנוגע צו אַלע העלמות און הסתרים אויף עבודת הוי׳, וואָס דער אמת איז ווי דער ענין שטייט בפנימיותו ובשרשו, אַז ניט נאָר וואָס ער איז ניט קיין מנגד אויף קדושה, נאָר אדרבה ער העלפט גאָר צו קדושה, נאָר וויבאַלד דאָס גייט דורך דורך אַזאַ צינור, דערפאַר טייטשט זיך דאָס אויס אין אַ פירוש הפכי. אָבער אין פנימיות איז דאָס אַ הילף און אַ הוספה אין קדושה.

און בשעת דער מענטש וועט זיך ניט נאַרן און ניט האָבן דעם טעות וואָס דער גוי האָט, נאָר ער וועט וויסן אַז אין רע יורד מלמעלה [23] עס איז גאָר ניטאָ קיין העלמות והסתרים און אַלע ענינים וואָס ער זעט זיינען אַ סיוע אין קדושה, ובמילא איז ניט נאָר וואָס דער העלם דאַרף אין אים ניט פועל׳ן קיין שוואַכקייט, נאָר אדרבה, דאָס דאַרף נאָך אין אים פועל׳ן אַ תוספות כוח וחיזוק,

בשעת ער וועט דאָס דערפילן און אָפּמאַכן ביי זיך אַ פעסטן באַשלוס מיט אַן אמת, — איז פאַרן אמת ווערן אַלע בטל, עס ווערן בטל אַלע העלמות והסתרים, מניעות ועיכובים,

וואָרום דורך דעם וואָס ער ווייס דעם אמת אַז אין יעדער זאַך איז דאָ אַ ניצוץ אלקי און אַלץ איז אַ סיוע צו קדושה, דורך דעם פועל׳ט ער אויך אין דעם דבר המעלים, אַז עס ווערט אין אים דערוועקט און אַנטפּלעקט זיין ניצוץ, ובמילא איז אויך דאָ למטה זעט זיך אין אים אָפּן די כוונה האמיתית, אַז דאָס ברענגט אַ הוספה אין קדושה.

ח. און דאָס איז די הוראה פון דעם מאמר רז״ל אשת פוטיפר לשם שמים נתכוונה:

בשעת ס׳איז דאָ אַ העלם והסתר זיינען דאָ צוויי דרכים אין דעם: איין דרך איז: מלחמה האַלטן מיט דער זאַך וואָס איז מעלים, דאָס הייסט, מען נעמט דאָס טאַקע אָן פאַר אַן אמת׳ן העלם והסתר, און מען האָרעוועט מיט אַלע כחות אויף מלחמה האָבן אַנטקעגן דעם. די צווייטע וועג (וואָס זי איז אַ געשמאַקערע) איז: מען ווייס אַז בפנימיות איז דאָס גאָר אַ סיוע צו קדושה, און בשעת מען שטעלט זיך אַזוי אַוועק, איז מען דאָס מעורר ומגלה, אַז דאָס קומט אַראָפּ אויך בגילוי אַז דורכן דבר המעלים גופא קומט צו אַ תוספות אור אין קדושה.

(משיחות י״ט כסלו, תשח״י)

## חנוכה

ט. וועגן חנוכה געפינען מיר צוויי קעגנגעזעצטע ענינים:

א) עס שטייט אין ספרים [24] אַז חנוכה איז מלשון חינוך. אַזוי איז אויך

---

23) זע בראשית רבה פ׳ נא, ג.

24) זע מהרש״א שבת כא, ב.

25) שבת כא, ב.

26) פסחים פ, א.

# CLASSICAL CONCEPTS

he must always do his very best to affect others positively. On the other hand, he should bear in mind that his own spiritual growth will directly affect the way he is able to influence others. This is due to the fact that the person he is trying to effect, will be able to sense the lack of "beauty" in the person giving to him and will therefore not be so eager to "receive" that which is being given.

5. A person must be aware of the tremendous responsibility he has to refine and perfect his own spiritual state, because failure to do so, not only negatively affects himself but also any person that he may try to impact. A person must invest every effort in becoming spiritually "beautiful," for the sake of all those he may encounter & inspire. This is the lesson that can be learned from Yosef's beauty.

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Feel | דערפילן | Ran after | נאכגעלאפן |
| Make by (for) himself | אפמאכן ביי זיך | Needed to add (to be added) | געדארפט צוקומען |
| Strong decision | פעסטן באשלוס | Was written into | אריינגעשריבן געווארן |
| He also affects | פועל'ט ער אויך | Added | צוגעקומען |
| Awakened | דערוועקט | All concealments | אלע העלמות והסתרים |
| Revealed | אנטפלעקט | Not an opposition | ניט קיין מנגד |
| Openly | אפן | Since | ווייבאלד |
| Wage war | מלחמה האלטן | Through such a channel | דורך אזא צינור |
| One takes (perceives) this | מען נעמט דאס | A help | א הילף |
| One works | מען הארעוועט | Will not fool himself | וועט זיך ניט נארן |
| Against | אנטקעגן | No evil descends from heaven | אין רע יורד מלמעלה |
| More pleasurable | געשמאקערע | Are an assistance | זיינען א סיוע |
| Establishes himself like this | מען שטעלט זיך אזוי אוועק | Weakness | שוואכקייט |

6. Regarding the wife of Potifar, Rashi informs us that she actually had good intentions in her attempt to be with Yosef. She was aware that she was destined to have offspring that would come from Yosef, but she was unaware that it was her daughter who was meant to marry him and not herself. We see from here, that there can be instances when something appears to be the total opposite of holiness, but in essence, it is really an attempt to add in holiness, as will be explained further.

7. The Alter Rebbe writes in Tanya that if a Jew is standing and Davening with concentration and a non-Jew comes and attempts to disturb him, not only should it not distract him, but rather it should arouse him to intensify his concentration. Seemingly this statement requires explanation. If the purpose of this experience is that a Jew should concentrate harder on his Davening, why should this arousal come from such a negative place? This seems to totally oppose that which is being accomplished? The explanation is as follows; the non-Jew, deep down in his essence (the essence of every single



זאָגט, אַז דער גאַנצער ענין, וואָס לבן איז נאָכגעלאָפן נאָך יעקב'ן איז געווען, ווייל עס האָבן געדאַרפט צו־קומען נאָך אותיות אין תורה, דער־פאַר איז לבן נאָכגעלאָפן נאָך יע־קב'ן, וואָס דער סיפור איז אַריינ־געשריבן געוואָרן אין תורה, און דורך דעם איז צוגעקומען אַ פרשה אין תורה.

און דאָס איז אַ הוראה בנוגע צו אַלע העלמות און הסתרים אויף עבו־דת הוי', וואָס דער אמת איז ווי דער ענין שטייט בפנימיותו ובשרשו, אַז ניט נאָר וואָס ער איז ניט קיין מנגד אויף קדושה, נאָר אדרבה ער העלפט גאָר צו קדושה, נאָר ווי־באַלד דאָס גייט דורך דורך אַזאַ ציור, דערפאַר טייטשט זיך דאָס אויס אין אַ פירוש הפכי. אָבער אין פני־מיות איז דאָס אַ הילף און אַ הוספה אין קדושה.

און בשעת דער מענטש ווייסט זיך ניט נאַרן און ניט האָבן דעם טעות וואָס דער גוי האָט, נאָר ער ווייסט וויסן אַז אין רע יורד מלמעלה[23] עס איז גאָר ניטאָ קיין העלמות והס־תרים און אַלע ענינים וואָס ער זעט זיינען אַ סיוע אין קדושה, ובמילא איז ניט נאָר וואָס דער העלם דאַרף אין אים ניט פועל'ן קיין שוואַכקייט, נאָר אדרבה, דאָס דאַרף נאָך אין אים פועל'ן אַ תוספות כח וחיזוק, בשעת ער ווייסט דאָס דערפילן און אָפּמאַכן ביי זיך אַ פעסטן באַשלוס מיט אַן אמת, — איז פאַרן אמת ווערן אַלע בטל, עס ווערן בטל אַלע העלמות והסתרים, מניעות ועיכובים, וואָרום דורך דעם וואָס ער ווייס דעם אמת אַז אין יעדער זאַך איז דאָ אַ ניצוץ אלקי און אַלץ איז אַ סיוע צו קדושה, דורך דעם פועל'ט ער אויך אין דעם דבר המעלים, אַז עס ווערט אין אים דערוועקט און אַנטפלעקט זיין ניצוץ, ובמילא איז אויך דאָ למטה זעט זיך אין אים אָפּ די כוונה האמיתית, אַז דאָס ברענגט אַ הוספה אין קדושה.

**ח. און דאָס איז די הוראה פון דעם מאמר רז"ל אשת פוטיפר לשם שמים נתכוונה:**

**בשעת ס'איז דאָ אַ העלם והסתר זיינען דאָ צוויי דרכים אין דעם: איין דרך איז: מלחמה האַלטן מיט דער זאַך וואָס איז מעלים, דאָס הייסט, מען נעמט דאָס טאַקע אָן פאַר אַן אמת'ן העלם והסתר, און מען האָ־רעוועט מיט אַלע כחות אויף מלחמה האָבן אַנטקעגן דעם. די צווייטע וועג (וואָס די איז אַ געשמאַקערע) איז: מען ווייס אַז בפנימיות איז דאָס גאָר אַ סיוע צו קדושה, און בשעת מען שטעלט זיך אַזוי אַוועק, איז מען דאָס מעורר ומגלה, אַז דאָס קומט אַראָפּ אויך בגילוי אַז דורכן דבר המעלים גופא קומט צו אַ תוס־פות אור אין קדושה.**

(משיחות י"ט כסלו, תשח"י)

## חנוכה

ט. וועגן חנוכה געפינען מיר צוויי קעגנזעצטע ענינים:

א) עס שטייט אין ספרים[24] אַז חנו־כה איז מלשון חינוך. אַזוי איז אויך

23) זע בראשית רבה פ' נא, ג.

24) זע מהרש"א שבת כא, ב.

25) שבת כא, ב.

26) פסחים פ, א.

# טייטשן
# TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| און דאס איז | And this is |
| די הוראה | the lesson |
| פון דעם מאמר רז״ל | from the saying of the חכמים |
| אשת פוטיפר | (that) the wife of Potifar |
| לשם שמים נתכוונה: | had heavenly (good) intentions. |
| בשעת ס׳איז דא | When there is |
| א העלם והסתר | a concealment or a "hiding" (obstacle) |
| זיינען דא | there are |
| צוויי דרכים אין דעם: | two ways in it (to approach it). |
| איין דרך איז | One way is |
| מלחמה האלטן | to wage war |
| מיט דער זאך | with the thing i.e. obstacle |
| וואס איז מעלים, | which is concealing, |
| דאס הייסט, | this means |
| מען נעמט דאס טאקע אן | one actually perceives it |
| פאר א העלם והסתר, | as a concealment |
| און מען הארעוועט | and he works hard, |
| מיט אלע כחות | with all of his effort, |
| אויף מלחמה האבן | to wage war |
| אנטקעגן דעם. | against it. |
| די צווייטע וועג | The second way |
| (וואס זי איז א געשמאקערע) | (which is much more enjoyable) |
| איז | is, |
| מען ווייס | he knows |
| אז בפנימיות איז דאס | that inside it is |
| גאר א סיוע צו קדושה, | really an assistance to holiness, |
| און בשעת | and when |
| מען שטעלט זיך אזוי אוועק, | he establishes himself like this |
| איז מען דאס מעורר ומגלה | he arouses and reveals |
| אז דאס קומט אראפ | that it comes down |
| אויך בגילוי | also in a revealed way, |
| אז דורכן דבר המעלים | that through the thing which was concealing |
| גופא | itself |
| קומט צו א תוספות אור | there comes added light/revelation |
| אין קדושה. | in holiness. |

# CLASSICAL CONCEPTS

thing is holiness) desires and feels the need to add in holiness. Being that this holiness is coming through the channel of a non-Jew, which externally is the opposite of holiness, it therefore expresses itself in an opposite manner. So, it appears that he is trying to disrupt and disturb that which is holy i.e. a Jew's Davening.



8. The Maggid of Mezritch uses this concept to explain the story of when Lavan chased after Yaakov claiming that everything belonged to him. The real reason why the whole episode transpired is because there was meant to be an added Parsha in the Torah. For this reason, Lavan chased Yaakov, which appears to be a negative experience. But, in reality, the purpose of this episode, was that this story added to the Torah, which brought about an increase of holiness in this world.

# R KNOWLEDGE!

5. **WHAT** is the connection between that Rashi and what the Alter Rebbe writes regarding a non-Jew disturbing davening?

6. **HOW** does the Maggid explain the story of Lavan chasing Yaakov?

6. **WHAT** are two ways a person can view the obstacles he faces, and what would be the way he would respond to each of them?

10. This is the lesson that every person must learn from the story of Potifar's wife. Whenever there is something that appears to be an obstacle in the way of serving Hashem, there are two ways to approach it. The first way is to view it as an obstacle and fight it in which a person will use up all of his energy struggling to overcome it. The second way is to view it for what it really is, an opportunity to assist the person to climb to greater spiritual heights. It is merely externally that it appears negative, and therefore once a person is able to recognize that, he will not feel the need to struggle with it, but rather he will automatically seize the opportunity to grow from it. Through this attitude towards challenges, he will expose the holiness that lies inside. And, he will reveal added spiritualty into the world through something that originally seemed to be a concealment of G-dliness.

# SHOW OFF YOU

1. **HOW** did the Tzemach Tzedek explain the Possuk "יוסף הו׳ לי בן אחר"?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

2. **WHY** was Yosef able to positively influence others?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

3. **WHEN** a person is trying to affect others, what must he try to ensure?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

4. **ACCORDING** to Rashi, why did Potifar's wife want to be with Yosef?

______________________________________________

## CLASSICAL CONCEPTS

9. This teaches us a valuable lesson regarding anything that appears to be an obstacle in our service of Hashem. In its essence, even obstacles are there to assist us to come closer to Hashem. It is merely that externally they appear to disturb us. A person must be able to recognize that everything that happens is really positive, for there is no such thing as negativity coming from Hashem. Then, not only will he remain unperturbed by the various obstacles that he'll encounter, but he will actually be able to use them to strengthen his connection to Hashem. When he will come to this awareness with a feeling of truth, he will actually cause the inner good in the obstacles to be revealed openly. And, he will be able to see how it is there to assist him in his service of Hashem.



לזכות הבחור התמים
**מנחם מענדל שי' פוזנר**
והבחור התמים
**ארי' ליב שי' קרינסקי**
שיראה הצלחה רבה
בעבודתם הקודש
ויגרום נחת רוח רב
**לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו**

BACK 2 BASICS

Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© B2B SICHOS COVER: LEIBEL KRINSKY טייטש & CONCEPTS: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON

TO SPONSOR, OR TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT YCBACK2BASICS@GMAIL.COM